# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 16 • מאנטאג, ד' טבת תשפ"ז • 14טן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויגש

יְשֹׁטְטוּ רַבִּים וְתִרְבֶּה הַדָּעַת

דניאל יב, ד

אין דעם נומער

**אינטערנעט: האט עס א מוסטער אין דער היסטאריע?**
געוואלדיג • אנאליז

**פון טעלעגראף ביז טעלעגראם**
ואידך • היסטאריע

**א רייזע ארום דער וועלט מיט גוגל**
יידל • קולטור

**וועלן קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט?**
צ.שרייבער • וויסנשאפט

**מיין פובליק טעלעפאן**
zaltzvaser • איבערלעבונגען

**אדיקטעד צום טעלעפאן?**
א שמועס פון קאווע שטיבל

# ארכיוו

נומער 16 • מאנטאג, ד' טבת תשפ"ז
14טן דעצעמבער 2026 • די וואך פון פרשת ויגש


**הקדמה**

# טעלעפאן, קאמפיוטער, אינטערנעט

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

א טעלעפאן אין קעשענע, א קאמפיוטער אויפן טיש, און אן אינטערנעט וואס איז אומעטום: מיט א דור צוריק איז דאס נאך געווען א חלום, און היינט קען מען זיך שוין קוים פארשטעלן א טאג אן דעם. האבן מיר געגעבן דעם נומער א טעמע וואס רירט אן יעדן איינעם: טעכנאלאגיע. ווי אזוי די נייע מאשינען האבן געטוישט דאס לעבן – צום גוטן, צום שלעכטן, און צום לאכן.

מיר הייבן אן מיט „געוואלדיג“, וואס גייט זוכן אין דער היסטאריע א ביישפיל צום אינטערנעט, און טרעפט עס ביי די ערשטע צייטונגען מיט א הונדערט און פופציג יאר צוריק. „ואידך“ פירט אונז דורך הונדערט יאר קאמוניקאציע אין פיר שטאפלען: פונעם טעלעגראף ביזן סמארטפאון. און „צ.שרייבער“ פרעגט שוין אין 2015 די שאלה וואס מען פרעגט היינט אומעטום: וועלן קאמפיוטערס אמאל קליגער ווערן פון מענטשן?

דער בלאגער „זאלצוואסער“ שרייבט א בריוו צו די אויטאמאטישע מאשינען וואס וועקן אים אויף אינמיטן דער נאכט, און „יידל“ נעמט אונז מיט אויף א רייזע ארום דער וועלט – פון רוים ביזן אמאזאן – אן זיך אויפשטעלן פונעם בענקל.

אינמיטן נומער קריגט מען זיך: איז מען „אדיקטעד“ צום טעלעפאן, אדער ליגט דער פראבלעם אינעם מענטש? און צום לאכן ברענגט „פשוט־קאמפליצירט“ א פראקטישן לערנבוך פאר ראשי ישיבות: ווי אזוי מען לאזט א טאטע קלינגען. דערצו: פערל פון די ארכיוון (וואס לערנט מען פונעם GPS?), „היינט מיט . . . יאר צוריק“ (גוגל סקענט ביכער, געשעפטן פארמאכן זיך, און א פליגער וואס דער קאמפיוטער האט אפגעשטעלט), און די תגובה פון דער וואך.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. און אויב איר לייענט דאס אויף א טעלעפאן – זייט מוחל, נישט צו לאנג.

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **אנאליז** | אינטערנעט: האט עס א מוסטער אין דער היסטאריע? • געוואלדיג | **3** |
| **וויסנשאפט** | וועלן קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט? • צ.שרייבער און אנדערע | **5** |
| **היסטאריע** | פון טעלעגראף ביז טעלעגראם • ואידך און אנדערע | **9** |
| **איבערלעבונגען** | מיין פובליק טעלעפאן • zaltzvaser | **11** |
| **קולטור • רייזע** | א רייזע ארום דער וועלט מיט גוגל • יידל און אנדערע | **12** |
| **א שמועס פון דער וואך** | אדיקטעד צום טעלעפאן? • אחד העם, וכדומה.., קאצקע ציקער און אנדערע | **14** |
| **הומאר** | טעלעפאן־עטיקעט פאר ראשי ישיבות • פשוט-קאמפליצירט | **17** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **19** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • קפנדריא | **23** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **24** |

**אנאליז**

# אינטערנעט: האט עס א מוסטער אין דער היסטאריע?

מאי 2016: ווען מען שרייט קעגן דעם אינטערנעט, גייט „געוואלדיג“ זוכן א ביישפיל אין דער היסטאריע – און טרעפט עס ביי די ערשטע צייטונגען און ביי ר' יעקב ליפשיץ פון קאוונע. דער ארטיקל האט געעפנט א שמועס פון 44 תגובות.

פון **געוואלדיג**

קאווע שטיבל • אינטערנעט און אידישקייט • „אינטערנעט, האט דאס א מוסטער אין היסטאריע?“ • 26סטן מאי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10541.html

## א

זייט בריאת העולם ווערט די וועלט מער און מער פארגעשריטן, די חידושים פון טעכנעלאגיע האבן זיך נישט אנגעהויבן אין די לעצטע 20 יאר אדער אפלו אין די לעצטע 200 יאר, נאר זאגאר גלייך נאך בריאת העולם, אנגעהויבן ביי אדם הראשון וואס איז געווארן פארגעשריטן און מחדש געווען מלבושים, ממשיך געווען ביי תובל קין וואס האט מחדש געווען די געווער, און ווייטער ביי נח וואס האט ערפונדן ארבעטס געצייג און אזוי ווייטער און ווייטער.

אין דער תורה וואס איז געשריבן געווארן 2000 יאר פאר בריאת העולם האט השי"ת שוין גלייך אריינגעלייגט הוראות און מהלכים וויאזוי זיך צו באגיין צו יעדע נייע ערפינדונג, קליין ביז גרויס, און פון נאך מתן תורה איז די ארבעט אריבער צו אונזערע חכמים, צו ווייזן דעם וועג און טרעפן די ריכטיגע באציאונג צו די נייע ערפינדונגען.

און אונזערע חכמים האבן געטראגן זייער פליכט מיט שטאלץ, און ביי יעדע נייע ערפינדונג דן געווען און חוקר ודורש געווען ביז מען איז געקומען צו אן עמק השווה.

איינע פון די וועגן צו לייזן און טרעפן די ריכטיגע מהלך האט דער חכם מכל אדם, שלמה המלך אונז איבערגעגעבן אין זיינע ווערק, מיט די ווערטער אין כל חדש תחת השמש ומה שהיה הוא מה שיהיה, ד.מ. ווען דו ווילסט באהאנדלען א זאך ברויכסטו נישט אויסטרעפן א נייע מהלך, נאר דו קענסט טרעפן אין דער היסטאריע וואו עס איז שוין געווען עפעס ענליכס, און זען וויאזוי מען האט זיך באצויגן צו דעם.

> **ווען דו ווילסט באהאנדלען א זאך ברויכסטו נישט אויסטרעפן א נייע מהלך, נאר דו קענסט טרעפן אין דער היסטאריע וואו עס איז שוין געווען עפעס ענליכס**

ודוגמא לדבר, גלות, כאטש וואס ביים ערשטן גלות, גלות בבל איז דאס נאך געווען א נייע זאך פאר כלל ישראל האבן זיי אבער געהאט פון וואו צו לערנען פונעם זיידן יעקב ווען ער האט זיך געטראפן מיטן פעטער עשו וויאזוי ער האט געהאנדלט דארט, וכדו' וכדו'.

און אזוי האט מען טאקע געטון לדורותיהם, ווען עס איז געווען א נייע מצב ביי כלל ישראל אדער להבדיל א נייע אויסטרעף א נייע חידוש בעולם, האבן די גדולי ישראל געקוקט אויף צוריק און פראבירט זיך ברענגען א ראיה פון גמ' אדע מדרשי חז"ל וויאזוי מען דארף צו טון,

פארשטייט זיך א נישט אלעמאל איז עס א גרינגע מעשה, צומאל דארף מען אסאך חוקר זיין ביז מען קען מדמה זיין מילתא למילתא און פארשטייט זיך אז די צוויי זאכן זענען נישט אלעמאל גלייך, אבער פארט האבן די גדולי ישראל ברוב בינתם געטראפן די צושטעל און געפוונען א וועג וויאזוי צו צוגיין צו דעם ענין.

## ב

לעצטע 20 יאר בערך איז אויסגעטראפן געווארן די אויסטרעף וואס פארדינט זיך זיכער דעם טיטל "דער חידוש פונעם יאר הונדערט" דער אינטערנעט, עס האט אריינגעברענגט א נייע לעבן צום יונגן און אלטן דור, מיט אינגאנצן נייע מושגים האט דאס פארכאפט יעדן אינזיכט אין לעבן, פון גיין אין גראסערי איינקויפן

א מילעך ביז טון ביזנעס און זוכן אן אדרעס, אין יעדן ווינקל טרעפט מען זיך אן מיט אים צי מען וויל אדער נישט.

די קול ענות גבורה פון די וואס רעדן בשם די רבנים איז להשמיד ולהרוג קעגן דעם,

בין איך געגאנגען זוכן צו אין דער היסטאריע קען מען טרעפן עפעס א ביישפיל צו דער נייער מציאות און וויאזוי האבן די גדולי ישראל דאן געהאנדלט.

יגעתי ומצאתי,

מאכנדיג היסטאריע קורץ, אין דעם אנהויב פון די ת"ר יארן האבון די משכילים אנגעהויבן נוצן א נייע געווער קעגן די שומרי תו"מ, די צייטונגען, זיי האבן אנגעהויבן ארויסצוגעבן צייטונגען וויפיל זיי האבן נאר געקענט, און געמישט מיט נייעס האבן זיי דאס גענוצט אלס א פלאטפארמע צו ארונטער רייסן די רבנים און אלע ערליכע אידם אלס גנבים גזלנים און פאראזיטן.

כמובן אז די ערשטע רעאקציע פון די ערליכע אידן איז געווען מיט א הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו, צו באזייטיגן און מרחק זיין אלע מאגאזינען און צייטונגען, מען האט לוחם געווען קעגן יעדע פרואוו צו דאס אריינברענגען ביים ערליכן ציבור, וועם מען האט געטראפן מיט א צייטונג האט מען ארויס געווארפן פון ישיבה און קהילה.

אבער די ראזולטאט איז געווען א הילכיגער דורכפאל, דער המון האט געדורשט נאך נייעס און געגלויבט דאס געשריבן ווארט, זיי זענען געווען אפגעריסן און ווייט פון אלע נייע אנטוויקלונגען, און די איינציגסטע קשר צום גרויסן וועלט איז געווען דורך די צייטונגען, און מיט א שלייער פון ליינען די נייעס איז מיטגעקומען די זיך אנליינען מיט מאמרים וואס זענען געווען מיט גיפט געטונקען און רבים חללים הפילה.

# ג

אין יענע יארן איז געווען רב אין קובנא שבליטא, ר' יצחק אלחנן ספעקטאר זצ"ל וואס איז געווען דער אומגעקרוינטער רב פון גאנץ ליטא, און זיין מזכיר און רעכטע האנט איז געווען ר' יעקב ליפשיץ ז"ל, דער ר' יעקב ליפשיץ איז געווען א פשוטער מלמד אבער האט געהאט א טיפן פארשטאנד און פארשטאנען אז לא עת לחשות, און מען קען נישט איבערלאזן די געשריבענע שטימע פאר די משכילים און עוקרי תורה, און ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן אז די שלומי אמוני ישראל זאלן ארויס געבן אן ערליכע צייטונג, עס זאל זיין זה לעומת זה עשה, און ווער עס וויל ליינען, זאל לכה"פ ליינען עפעס ערליך, און איינוועגס ווען דאס נוצן אלס א געלעגנהייט צו אפענטפערן די זינלאזע און פאלשע אטאקעס אויף די רבנים און די ערליכע אידן.

אבער די רעוואלוציאנערע געדאנק איז אים נישט גרינג אנגעקומען, וועלן מיר איבער געבן דאס ווארט פאר ר' יעקב אליין וואו ער האט דאס מבאר געווען מיט זיין לשון לימודים:

„הרצון והחפץ של יחידי הסגולה ליסד מכ"ע ברוח חרדי' שבו ידובר בשער נגד המשכילים, לא מצא עדין מסלות בלבב כמה וכמה מהחרדים, מפני שהביטו אז על מכ"ע כעל מקור ליצנות והוללות או ה"גאזעטים" המלאים שקרים, ולכן התיחסו הרבה מהיח"ס לשאלת מכ"ע בקלות ראש, כי עצם דבר מכ"ע בעברית עוד הי' דבר חדש בעמנו, וגם לא האמינו שנוכל להוציא טהור מטמא וליסד מכ"ע שכלו קדש! ומה גם שהנסיון הראה' שהמכ"ע "המליץ" "הכרמל" ו"המגיד" נהיו למפיצי רוח קטב של כפירה, חוץ מזה עמדו לשטן כמו רשיון מהממשלה שקשה הי' להשיג עורך מלומד ונאמן, ועל כולם "כסף מנלן"...

כל אלה המניעות אשר לו הי' העתון דבר הכרחי וצבורי שהכל מודים עליי' כי אז כמובן' לא הפריעו מלהוציאו לאור, אבל החרדים אז לא הרגישו עדיין שעתון כזה יהי' לו קיום ויביא תועלת, ורק אנשים אחדים חלמו אדותיו, וממילא לא יכלו לגשם בחיים שאיפותיהם, בני עמנו הנם עם אשר צדקות אהב, נותנים וחוזרים ונותנים לצדקה שיש לה מקור ומסורה מן התורה כמו: תלמוד תודה, בקור חולים, גמילות חסדים, וכדומה. אבל צדקה בעד גאזעטין (מכ"ע) גם על טהרת הקדש, טרם נקלטה ההכרה הזאת בלב נדיבינו לצדקה של מצוה גם עתה, ומה גם לפני יובל שנים."

[פארקירצט]

ר' יעקב ענדיגט:

„מפני המכשולים האלו - מפני החששות של הספקנים - היתה לנו מלחמה מבית ומחוץ, בעת שהחלטנו ליסד ספרות חרדית שתגן על היהדות, אך ה' הי' בעזרנו וגם זכינו אשר אחרי עבור איזה עשריות בשנים הודו לנו כל גדולי הדור אפילו אדמור"י החסידים כפי שנתפרסמה דעת קדשם בזה למדי גלוי ברבים שספרות עתונית חרדית נחוצה מאד."

# ד

איך מיין אז עס פעלט אפילו נישט אויס צו מסביר זיין די דמיון, כעתה כן אז, האט זיך געהאנדלט פון אינגאנצן א נייע כלי מלחמה וואס מען האט קודם געלאזט אינגאנצן אין די הענט פון פורקי עול וואס האבן דאס גוט אויסגענוצט לרעה, און די חרדים האבן געפירט א מערכה מיט דעם, ביז עס זענען נתעורר געווארן אפאר ערליכע בעה"ב - נישט רבנים, בעה"ב - און זיי האבן אנגעהויבן א טויש וואס נאך דעם האבן אלע גדולי ישראל זיך צוגעשטעלט און דאס מקלס געווען.

די ערשטע האלב איז שוין מקוים געווארן מיטן אינטערנעט אויך, מען פראבירט דאס אונטערהאקן ביים ערליכן ציבור מיט אלע מיטלען, בלייבט נאר איבער צו האפן אז די צווייטע האלב זאל שוין אויך שנעל מקוים ווערן.

---

**וויסנשאפט**

# ווען קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט?

יוני 2015: לויט געוויסע געלערנטע קומט א טאג ווען קאמפיוטערס וועלן ווערן קליגער פון מענטשן – די „סינגולאריטעט“. איז דאס א סכנה, א חלום, אדער סתם א מעשה? עלף יאר שפעטער לייענט זיך דער שמועס אנדערש.

פון **צ.שרייבער און אנדערע**

פאליש • מחשבה • „וועלן קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט (singularity)“ • 19טן יוני 2015 – 10טן יולי 2017
https://palish.sites.tab.bot/t/967.html

---

**צ.שרייבער** • 19טן יוני 2015

לויט געוויסע סייענטיסטן זעמיר נישט ווייט פון א תקופה אין וואס קאמפיוטערס וועלן איבערנעמען די וועלט.

יעדער איינער פארשטייט א קאלקולעיטער איז א סאך קלוגער פון א מענטש ווען סקומט צו רעכענען. העכסט קאמפלעצירטע חשבונות קרעקט דאס אין א ספליט סעקינד, ווען פארן מענטש נעמט דאס א לענגערע צייט און טיילמאל מיט טעותים.

ווען די וועלטס גרעסטע שאך טשעמפיען גערי קאספאראוו איז די ערשטע מאל באזיגט געווארן דורך א קאמפיוטער אין 1996, און דאס האט אויפגעוויזן אז מענטשן וואס זענען א סאך שוואכער ווי אים אין דעם עספעקט האבן ערצייגט א קאמפיוטער וואס איז סאך קלוגער פון אים, האבן אנאליסטן געטענהט אז אה"נ אין אויסרעכענען קאמבינעישינס פאראויס איז א קאמפיוטער מיליאן מאל שנעלער און בעסער, האט אבער דער מענטש די ענדוועטידש פון קענען ניצן סטראטעגיע און קאמען סענס וואס א קאמפיוטער פארמאגט נישט, און דאס וועט אייביג האלטן דעם מענטש העכער.

יעצט לאמיר צונעמען די זאך, א מענטש זעט און הערט אלעס וואס טוט זיך ארום אים און לויט דעי ידיעות, קען ער אויסרעכענען וואס ער זאל טון, וואס סלוינט זיך אים, און וואס נישט. דאס איז די power וואס א מענטשליכע מוח האט, אויסצורעכענען און מאכן דיסיזשענס לויט די ידיעות און פאקטן וואס דער מוח נעמט אריין צו זיך. וואס דאס איז סטראטעגיע און קאמען סענס.

די סארט מהלך המחשבה איז שוין דא היינט צוטאגס אין קאמפיוטערס, א קליינע דוגמא, די עפל סופטוועיר IOS 9, ארבעט אז ווען א מענטש נעמט ארויס זיין טעלעפאן וועט זיך גלייך עפענען עפפס און סייטס וואס דער באנוצער גלייכט יענע צייט פון טאג און וואך, די סופטוועיר טרעקט אלע עקשיענס פונעם מענטש און טוט פעולות לויט וואס ער זעט אז דער מענטש וויל. בקיצור, יעדע קאמפיוטער וואס איז קאנעקטעד צום אינטערנעט קען האבן די עבילטי אריינצונעמען אלע אינפארמעישן וואס איז דא אויפן געוועב, און דאס אנעליזירן און פראסעסן און לויט דעם אויסרעכענען זאכן, צוקומען צו מסכנות, און טון פעולות עקארדינגלי.

סופטוועיר פראגרעמס זענען היינט אזוי קלוג, זיי פארשטייען געפילן, קאמפאזן מיוזיק, און דער עיקר, זיי פאבריצירן נייע סופטוועיר וואס זענען נאך קלוגער. ווען א קאמפיוטער האט אלא סקילס און עביליטיס וואס א מענטש האט, און פארשטייט זיך אסאך בעסער און שנעלער פון א מענטש דאן הייבט זיך אן אונזער פראבלעם.

די futurist, רעימענד קורצווייל, וואס האט פרידיקטיד טעכנעלאגיע די לעצטע 30 יאר, און האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין 90% אקוראט, ווי אויך איז ער דער אינוועטער פון וואויס רעקאגנישן, ספיטש טא טעקסט סופטוועיר, און צענדליגע אנדערע ריזיגע אינוועטשענס, ער טענהט אז ביז יאר 2045 וועלן מיר זיין אין א מצב, וואס קאמפיוטערס וועלן קענען באשאפן נייע און קלוגערע

קאמפיוטערס, גענצליך פון זיך אליין, אן דער הילף פון מענטשן, די קאמפיוטערס וועלן זיין אזוי קלוג אז און קיין שום עספעקט וועט דער מענטש נישט זיין בעסער ווי דעם קאמפיוטער, עני דיסיזשן וואס א מענטש וועט וועלן מאכן וועט דער קאמפיוטער זיין מיט א טריט פאראויס און וויסן קלארער וואס מדארף טון, און פארשטייט זיך וועט האבן די מעגליכקייט עס אויסצופירן.

די וועלט וועט געפירט ווערן דורך קאמפיוטערס אויף סך א העכערע לעוועל ווי דאס וואס א מענטש קען באגרייפן (אין א געוויסע זין איז דאס שוין אזוי), קאמפיוטערס וועלן מאכן דיסיזשענס, פירן אלע מלחמות, און זיי וועלן זיך האלטן און איין באשאפן נייערע און קלוגערע קאמפיוטערס, וואס וועלן ווערן מער און מער פאוערפול, און די מענטשן וועלן נישט בלייבן מיר ווי ראבאטס וואס פאלגן און ווערן גענוצט דורך די קאמפיוטערס,

סאיז א ביסל שווער עס מסביר צו זיין, און סנישט גרינג עס ארויסצוברענגען קלאר, אבער די געדאנק איז גאנץ גרינג צו כאפן, און פון דער אנדערער זייט אביסל שרעקעדיג.
אדרבה אויב איינער קען צולייגן מער הסברה וואלט איך הנאה געהאט.

**אשכול הכופר** • 20סטן יוני 2015

ווי אזוי וועט א קאמפיוטער פירן די וועלט אויב דאס צו קענען טון מוז א מענטש אים מאכן אנקומען אהין?
דער קאמפיוטער איז קלוג נאר ווייל דער מענטש האט אים פלאנירט און געבויט צו זיין אזוי פארגעשריטן, אן א מענטש איז דער כלי א שטיק ליימענע גולם וואס האט אין זיך קיין שום קלוגשאפט נישט?

**שם חם יפת** • 20סטן יוני 2015

און אפילה די עפּפ וואס דו רעדסט איז נאר אן עפּפ ווייל א מענטש האט עס געמאכט אן עפּפ
קען זיין אז קאמפיוטערס פירן די וועלט אבער זיי זענען נאר שליחים פון מענטשן

**צ.שרייבער** • 21סטן יוני 2015

אויב וועט געלונגען צו פאבריצירן א קאמפיוטער וואס פארמאגט אין זיך אלע חלקים וואס א מענטשליכע מוח האט, און איז פונקט אזוי קלוג ווי דער מענטש איז, עס פארשטייט אלס וואס א מענטש פארשטייט, און האט אלע ידיעות וואס מענטשן האבן, און האט יעדע עביליטי פון א מענטשליכע מח, פארשטייסטו אז נאכדעם וואס מען באשאפט דאס, דארף דאס שוין נישט די הילף פון א מענטש, פונקט ווי א מענטש'ס מוח ארבעט אליין ווייטער, וועט דאס אויך אליין פונקציאנירן, און זיין פונקט אזוי קריעיטיוו ווי דער מענטשליכער מוח.

דער מוח פון א מענטש נאך אלעם איז א שטיקעל פלייש וואס ארבעט אויף א געוויסע מציאות'דיגע וועג, און סאיז א פראגע פון צייט ווען מען גייט דאס דופליקעיטן אין א סופטוועיר, און צו זאגן אז דאס איז נישט מעגליך איז נאריש,

יעצט פארשטייט זיך אז איינמאל עס האט די אלע כוחות, קען מען דאס אויסארבעטן אויף לעוועלס וואס זענען מיליאן מאל בעסער און שנעלער ווי דער מענטש, אזוי ווי יעדע זאך וואס א קאמפיוטער נעמט איבער דעם מענטש איז עס אויף העכערע לעוועלס.

יעדן טאג קומען ארויס נייע סופטוועירס וואס ערזעצן מענטשליכע אינטילגנסי און סקילס, יעצט אז דו וועסט האבן איינס וואס איז קאמבאנירט פון יעדע סקיל, וויסענשאפט, און אינטעלגענס, וואס דער מענטש האט פארוואס זאל ער דארפן צוקומען א מענטש זאל אים זאגן וואס צו טון, אדער שיקן ערגעץ, ער האט דאך די זעלבע שכל און נאך אסאך מער ווי דער מענטש?

לויט קורצווייל'ס פרידיקשנס, ביז יאר 2029 וועט א קאמפיוטער שוין האבן די זעלבע לעוועל פון אינטעלידשינסי ווי דער מוח פונעם מענטש, אין יעדע עספעקט פון קלוגשאפט. גראדע לויט אים וועט דאס אלעס גענוצט ווערן אויף פאזיטיווע אופנים צוזאמען מיטן מענטש.

**נבון** • 21סטן יוני 2015

עס איז לכאורה דא צוויי חלקים, איינס איז אז קאמפיוטערס זאלן ווערן אזוי קלוג ווי מענטשן. צוויי, אז זיי זאלן האבן א פיזישע יכולת אויסצופירן הלכה למעשה.

דו האסט זיך באצויגן צו דעם ערשטן חלק, אשכול און שם פרעגן לכאורה איבער דער אנדערער נקודה.

איך וועל צולייגן א דריטע נקודה, "רצון", חכמה און יכולת אן אן אייגענע תאוה און א רצון איינצונעמען די וועלט אדער טון סיי וואס מיינט אז זיי בלייבן ווייטער בלויז א ווערקצייג אין די הענט פונעם מענטש.

**צ.שרייבער** • 21סטן יוני 2015

נבון, האסט אנגערירט זייער א גוטע נקודה,

אבער לאמיר גיין א טריט פריער פון וואס דו רופסט אן רצון און תאוה, און לאמיר רעדן צו א קאמפיוטער האט self

awareness, דאס הייסט ווייסט א קאמפיוטער אז ער עקזעסטירט?

א מענטש ווייסט אז ער עקזיסטירט, און ווייסט וואס טוט זיך ארום זיך, און נישט ווייל איינער האט אים דאס געזאגט און ער וועט וויסן צו זאגן אז יא, נאר ער באגרייפט דאס אליין מיט זיין מוח. אבער א קאמפיוטער, וויפיל אינפערמאציע דו זאלסט נאר אריינלייגן אין אים, און פראגרעמען אז ער זאל וויסן צו ענטפערן, איז דאס נישט ווייל ער פארשטייט אז דאס איז אזוי, נאר ווייל מהאט אים אויסגעלערנט אזוי צו זאגן, און אפילו לאמיר זאגן דו זאלסט פרעגן דעם קאמפיוטער 'בוסטו א לעבעדיגע זאך? ווייסטו אז דו עקזיסטירט? און דו קאמפיוטער וועט דיך ענטפערן אז יא, איז עס אויך נאר ווייל אזוי האט מען אים געפראגרעמט צו ענטפערן, אוו נישט אז ער ווייסט טאקע.

יעצט, די שאלה איז, וואס פארלאנגט זיך טאקע פון א קאמפיוטער אז דאס זאל וויסן אז עס עקזעסטירט, וואסערע מדריגה און חכמה איז גורם אז מזאל וויסן אז מ'עקזעסטירט, וויזוי ווייסט א מענטש אז ער עקזעסטירט, איז לויט אסאך סייענטיסטן איז דאס פשוט א טיפערע געדאנק פון חכמה, און ספארלאנגט זיך פשוט מער קאמפלעקסיטי אינעם מוח דאס צו קענען כאפן, און אויב זאל מען באשאפן א שטארקע קאמפיוטער פראסעסער וואס האט אויך די מאס memory און Ram, און פארגלייך צו דער מאס ניורואנס וואס דער מוח פונעם מענטש האט, וואס דאס איז גורם דער מענטש זאל דאס פארשטיין, וועט א קאמפיוטער פונקט אזוי קענען באגרייפן די מציאות אז ער עקזעסטירט, און איז א זאך וואס ווייסט און פארשטייט, און נישט ווייל מזאגט אים עפעס ווייסט דאס צו ענטפערן, נאר ער פארשטייט עס טאקע, און האט ארויס די אמת'קייט פונעם ענין.

און זיי זאגן אז כדי צו קענען צוקומען צו דעם פארלאנגט זיך אינעם קאמפיוטער א געשאצטע 8 מיליאן GB RAM אין פארגלייך צו וואס א מענטשליכע מוח פארנוצט דאס צו קענען פארשטיין, און לויט דער ראטע פון יאר 1980 ביז היינט, וויפיל די מאס מעמארי האט זיך גערדאפלט יעדע יאר, וועט מען צוקומען צו דעי נומערן אין יאר '29 אדער נאך פריער. (אין 1980 האט די עוורידש קאמפיוטער ערהאלטן אין מעגאבייט רעם, נו מאך אליין דעם חשבון)

נישט אלא זענען מסכים צו דעם, מאנכע ווילן זאגן אז דאס איז נישט בלויז א פראגע פון ווי קאמפלעקס דער מוח איז, נאר דער מוח איז באשאנקען מיט עפעס א העכערע כוח, א געוויסע magical אינגרידיענס, וואס דאס געט דאס די עקסטערע מאס פארשטאנד, צו קענען ארויסהאבן self awareness וכו', אבער אויב איז מען יא מסכים מיט דעם ערשטן מהלך, דאן פון דארט ביז די פולע פאוער און שכל וואס דער מענטש האט איז נישט קיין לאנגע וועג,

איך וויל נאך ארייגגיין מער אין דיטעילס, ווען די צייט און נערוון וועט ערלויבן.

**מומר לתיאבון** • 1טן יולי 2015

א מאדנע פאסירונג איז פארגעקומען אין דייטשלאנד, א 60 מייל צפון פון דער שטאט פראנקפורט.
א ראבאט האט געכאפט אן ארבעטער אין א קאר פאבריק פון פאלקסוואגאן ביים ברוסטקאסטן און אים צעדרוקט צום טויט אויף אן אייזערנעם פאנעל.
דער טויטער, א 22 יעריגער ארבעטער וועלכע האט אפערירט דעם ראבאט, איז אריין אינעם שטייג וואו די ראבאט ווערט געהאלטן און פאר אן אומבאקאנטע סיבה, האט די ראבאט דאס אפגעטועון. א צווייטע ארבעטער וועלכע איז געווען אינדרויסן פונעם שטייג איז בכלל נישט געשעדיגט געווארן.
אגב פאלקסוואגאן האט איבערגעגעבן אז אין זייערע פלענטס האבן זיי אלטמאדישע ראבאטס וועלכע טוען גאר פשוטע און נישט קאמפליצירטע סארט ארבעט.
לויט דער דייטשער נייעס אגענטור דע פע עי, פלאנען די פראקוראַרן פונעם שטאאט ארייגצוגעבן א קלאגע אין געריכט, סאיז אבער נישט קלאר קעגן וועמען. דאס איז אבער זיכער אז די עקסידענט האט פאסירט ווייל דער ארבעטער איז אריין צום ראבאט אין שטייג.
בעפאר איך לאכט פון דער מעשה, זייט וואוסן דאס איז אן אמתע מעשה וואס איז פארגעקומען די וואך. און קוקט אויס אז די טעכנאלאגיע האט אנגעהויבן זייער מלחמה קעגן דער מענטשהייט, און דער גולם איז געווארן קלוגער פון זיין באשאפער.

**אויפגעקלערטע** • 8טן יולי 2015

די וואך אין קאליפארניע האבן צוויי דרייווערלאזע קארן שוין געהאט road rage, ווען גוגלס קאר האט אויסגעכאפט א קאר פון אן אנדערע קאמפאני. זעט מען אז די קאמפיוטערס ווערן קלוגער און קלוגער (נישט ממש road rage, ווייל די צווייטע קאר האט גארנישט צוריק געטון)

**ZEATA** • 16טן יולי 2015

גוגל קויפט די לעצטע יארן א פאר קאמפאני'ס וואס זייער מומחיות איז קאמפיוטער-שכל, דאס מיינט זיי האלטן אז די קאמפיוטער'ס וועלן איבער נעמען די וועלט, אויב אזוי לאמיר מאכן א ביסלע געלט אויפן וועג...

**I surrender** • 27סטן אויגוסט 2015

סאיז דא נאך א פערספעקטיוו, קאמפיוטער אין סאפטוועיר ווי פארגעשריטן סזאל נישט זיין ווערן כסדר געהעקט אין סמאכט זיך אסאך גליטשעס א שטייגער די סוויס באנק יא עס בי וואס דארך א קאמפיוטער גליטש האבן זיי פארלוירן $350 מיליאן דאלער אין איין טאג ווייל זייער סיסטעם האט געהאלטן אין איין ריסאבמיטן ביי-ארדערס, צי האבן א גיטע אין ריליייבל סאפטוועיר דארפסטי האבן א גיטע שטאב פין געשולטע אינזשענירס אין דיוועלאפערס, דארפסט האבן די ריכטיגע פראסעסעס, דארפסט האבן די ריכטיגע קולטור אין נעטווארק אז איינער זאל איבערקיקן די צוויטנס ארבייט אויף א דעילי בעסיס, דארפסט האבן פארגעשריטענע טעסטינג פראסעסעס אויף יעדע סטעפ פינעם פראגראם, אין פארשטייצער א ריזיגע שטאב פין טעקנישנס נאר פאר מעינטינענס. סא מיטן מאכן אז די סאפטוועירס זאלן האבן סעלף וועירנעס וכו' האסטו נאך נישט איבערגעשטיגן דעם מענטש ווייל מיט דעם אלעם איז עס אייביג אויסגעשטעלט פאר א גליטש אין צי העקריי אין סוועט אייביג דארפן ציקומען צי די הומען טאטש,

**LOVE** • 27סטן אויגוסט 2015

די נקודה איז אז אויב סאיז סעלף אוועיר וועט עס נישט דארפן די יומען טאטש

**נחור** • 10טן יולי 2017

יעצט צום ערשטן מאל געלייענט דעם אשכול. איך בין קאטעגאריש מחולק מיט קורצווייל און דער נושא איז א גוטער עקזאמפל וואו מען קען אויפווייזן אז די סיבה פארוואס סייענס האט ארויס געוויסע זאכן פאלש איז וויבאלד זי רעכנט נישט אריין פילזאפיע.

רעב שרייבער, דער פותח האשכול, רופט עס 'א מעדזשיקעל אינגרידיענט' אבער דאס איז שוין געמאכט א מסקנא. און דערפאר הערט זיך עס אזוי פאני און אומגלויביג פאר א רעשענעל מענטש. איך וועל אבער טענה'ן מכח לאגיק אז דער מציאות פון סינגאלאריטי איז אומפאסיבעל. לכל הפחות נישט פאר מען פארענטפערט קודם אפאר אנדערע וועלט-אלטע פראגעס.

אבער לאמיר גיין צוביסלעך און האפענטליך וועט זיך דעוועלאפן א משא ומתן. די אנהויב פון מיין טענה איז אזוי. אמת, א מענטש האט ערצייגט א קאמפיוטער, אבער פון דעם זעלבסט אז מען האט געדארפט האבן א מענטש זאל איר ערצייגן און זי האט זיך נישט געקענט אליינס ערצייגן איז דאך באוויז אז זי וועט קיינמאל נישט קענען איבערשטייגן דעם מענטש..!

אויב איז במציאות זי זאל יא איבערשטייגן דעם מענטש, וואלט דאך דער מענטש אויך געדארפט קענען איבערשטייגן זיין קריעיטאר, אינעם זינען, אז ער זאל אדער קענען זיין קריעיטאר, אדער, אויב איז נישטא קיין קריעיטאר, זאל אים בכלל נישט באדערן מער די פאראדאקס פון "ווער האט מיך באשאפן? יעדע זאך דארף א קריעיטאר? יעדע זאך האט אן התחלה און א סוף?" אבער דער אמת איז אז ס'באדערט אים, ס'האט אים קיינמאל נישט אויפגעהערט צו באדערן, און ער קען נאך אלס נישט פולקאם זיין קריעיטאר. איינער רופט עס באשעפער, איינער רופט עס ביג-בענג אבער ביידע פון זיי, עט די ענד אף די דעי, נודזשעט די בייסנדע פראגע "ווי אזוי האט דער פראצעס וואס האט מיך געמאכט פאר וואס איך בין, זיך אנגעפאנגען?"

איךליידן איין צ.שרייבער צו ענטפערן.

היסטאריע

# פון טעלעגראף ביז טעלעגראם

מאי 2021: הונדערט יאר קאמוניקאציע אין פיר שטאפלען – טעלעגראף און טעלעפאן, ראדיא און טעלעוויזיע, דער „וועב“ און דער סמארטפאון – און וואס האט יעדער שטאפל געטוישט אין לעבן?

פון **ואידך און אנדערע**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „פון טעלעגראפיע ביז טעלעגראם - די עוואליושען פון אינפארמאציע“ • 25סטן–26סטן מאי 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14651.html

**ואידך** • 25סטן מאי 2021

דורכאויס די לעצטע יאר הונדערט האט די מאפע פון קאמיוניקאציע-טעכנאלאגיע אומאויפהערליך געטוישט איר אויסזען און נייע ערפינדונגען האבן געהאלטן אין איין טוישן דעם וועג וויאזוי קאמיוניקאציע איז געפלאסן פון איין עק וועלט צום אנדערן.

פאלגנד איז איין מהלך וואס איז מיר איינגעפאלן וויאזוי מ'קען אנקוקן די שטאפלען פון איר אנטוויקלונג.
נעמט אין אכט אז די איינטיילונג איז בכלל נישט באזירט אויף דער טעכנישער זייט פון די ערפונדונגען נאר אויף דעם וועג וויאזוי זיי האבן געטוישט די מענטשהייט אין סאסייעטי.

### טעלעגראפיע און טעלעפאן

צום ענדע פונעם 19'טן יארהונדערט איז די וועלט צום ערשטן מאל געווען פולשטענדיג קאנעקטעד מיט טרענסעטלענטיק קעיבלס. אין אנדערע ווערטער איז די וועלט געווארן איינס אין דעם געביט פון אינפארמאציע. דיסטענס איז שוין מער נישט געווען קיין אפהאלט פאר אינפארמאציע.

עלעקטריקעל טעלעגראפיע איז געפארן מיט די ספיד פון לייט (נישט אריינרעכנדיג די וועלאסיטי פעקטאר). ספיד אוו לייט איז די העכסטע ספיד וואס אינפארמאציע קען טרעוועלן און איז די זעלבע ספיד וואס מאדערנע פייבער אפטיק קעיבעלס נוצן היינט פאר היי-ספיד אינטערנעט קאנעקשאנס.

טאמער איז געווען א שטיקל אינפארמאציע און ס'איז געווען געוואוס וויכטיג האט עס געקענט קאמיוניקירט ווערן צו געוואוס וויכטיגע מענטשן אינסטענטלי פון איין עק וועלט צום אנדערן.

### בראדקעסטינג — ראדיא און טעלעוויזשן

בערך 1950 האט כמעט יעדע לאנד אויפן פלאנעט שוין פארמאגט א ראדיא בראדקעסטינג סיסטעם. די חידוש פון בראדקעסטינג איז די מעגליכקייט פון איין טרענסמיטער און אומצאליגע ריסיווערס.

אנדערש ווי טעלעגראפיע און טעלעפאן וואס דארפן א דעדיקעיטעד ליניע פון פוינט A צו פוינט B, קען בראדקעסטינג פירן אינפארמאציע פון איין פוינט צו מיליאנען ריסיווינג ענדפוינטס אין דער זעלבער צייט.

טאמער איז א שטיקל אינפארמאציע געווען געוואוס וויכטיג, האט עס געקענט קאמיוניקירט ווערן אינסטענטלי צו יעדע מענטש אין דער וועלט אונטער א סעקונדע.

### The World Wide Web

אין 1991 האט טים בערנערס לי ערפונדן די world wide web וואס איז א סיסטעם ווי יעדער קען פאבלישן אינפארמאציע און סיי ווער קען צוקומען דערצו דורך א web browser.
אנדערש ווי ביז דאן וואס וויכטיגע אינפארמאציע האט נאר געקענט ווערן אויפגעכאפט אין דעם זעלבן מאמענט פונעם בראדקעסט, האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען א ריזן לעבעדיגע קוואל פון אינפארמאציע ווי יעדער אינדיווידועל האט באקומען גרינגע צוטריט צו יעדער מאמענט.

(פארגעסט נישט אז ביז דאן איז קאמפיוטער נישט געווען קיין קאמיוניקאציע דיוויס נאר א קאמפיוטינג און סטארעדזש דיווייס).

איך גלייב אז רוב שטיבל מעמבערס פאלן אריין אין דער קאטעגאריע פון מילעניעלס (צווישן 25 און 40 יאר אלט). אונז אלע האבן, נישט וויסנדיג בשעת מעשה, בייגעלעבט א מאסיווע טורנינג פוינט אין היסטאריע. אונז האבן אנגעהויבן אונזער לעבן אין א צייט וואס אינפארמאציע איז

געלעגן פארשפרייט אין לייבערי ביכער אדער אין די קעף פון פארשידענע עקספערטן, סייענטיסטן און היסטאריקער.

אין א נישטיגע פאר יאר זענען מיר אריבערגעשווימען צו א תקופה ווי יעדער שטיקל באשטעגטיטע אינפארמאציע איז געווארן סענטרעלייזד און פרייוויליג עוועילעבעל פאר יעדע וואס איז נאר אינטערסירט.

ווער געדענקט נישט ווי פילע פון אונז האבן זיך א לאז געטאן אויף אזעלכע וועבסייטס ווי וויקיפידיע, קווארא אדער יוטוּב ווי אויסגעהונגערטע וועלף שיכור פון די אפענע זאפאסן פון קוואליטי אינפארמאציע וואס האט זיך געפילט ווי אין א חלום.

## The Smartphone

אין 2005 האט עפל געלאונטשט די ערשטע אייפאון [רעד.: אין 2007]. (כאטש טעכניש זענען שוין דאן געווען פארשידענע אנדערע פערסאנעל הענד-העלד דיוויי׳סעס קאנעקטעד צום אינטערנעט האט קיינער פון זיי אבער נישט באוויזן צו טוישן די דיינעמיקס פון קאמיוניקעישאן אזויווי פאלגנד).

דער סמארטפאון האט געטוישט דעם אינטערנעט פון אן אוצר פון אינפארמאציע ווי קאנסיומער קומען איינקויפן וואס מ'דארף, ווען מ'דארף, צו א לעבעדיגע מאשין וואס פיטערט פראעקטיוולי אינפארמאציע צו דער מענטשהייט אין קליינע פארציעס ווי און ווען ס'קען צונוץ קומען.

אונז פלעגן באגייסטערט ווערן ווי מ'קען ארייִנקלאפן אין גוגל "World population" און א פונקטליכע ענטפער ווערט אינסטעגטלי ארויסגעשפיגן, ווייל אונז האבן אנגעקוקט אינפארמאציע אזוי א פראדוקט וואס מיר האבן געגוצט די אינטערנט איינצוקויפן ווי מער דערפון און דערנאך געשפירט ווי מיר "פארמאגן" עס.

טאמער וועט איר זיך אבער אומקוקן אויף גען-Z וועט איר באמערקן ווי זייער פערספעקטיוו איז אינגאנצן אנדערש. זיי זוכן נישט זיך "איינצוהאנדלען" ווי מער אינפארמאציע. צו וואס ברויכן זיי חזר'ן די וועלטס פאפולאציע ווען זיי קענען דאס פרעגן פון סירי יעדע סעקונדע אין טאג. אינפארמאציע וואס איז זיי וויכטיג אדער זיי גלייכן ווערט סיי ווי געפיטערט לעבעדיג פון אלע סאשעל מידיע און נייעס פלאטפארמעס.

דער אינטערנעט האט זיך געטוישט פון אן אינפארמאציע פארקויפער צו אן אינפארמאציע סערוויס פראוויידער.

וואס איז אייער מיינונג?
וואס גייט זיין די נעקסטע רעוועלוציע?

**תרמב** • 25סטן מאי 2021

קודם שקויעך פארן ארייִנקומען קלאר צו באריכן דעם שטיבל, איך קלער אז מ'קען גארנישט פארזאגן, דרייסיג יאר צוריק האט איינער געחלומ'ט פון א סמארטפאון?

**פאליטיקאנט** • 26סטן מאי 2021

ווירטועל רעאליטי (VR & AR) איז לדעתי דאס וואס גייט טוישן אינפארמאציע גייענדיג פאראויס.

**ואידך** • 26סטן מאי 2021

די קאנצעפט פון דעם אשכול איז ארויצובערענגען וויאזוי טעכנעלאגיע האט געסקרעפט די מושג פון דיסטענס (וממילא צייט) צווישן מענטשן אויף צו קאמיוניקירן (עקזיסטירנדע) אינפארמאציע.

**איבערלעבונגען**

# מיין פובליק טעלעפאן

פעברואר 2015: א בלאגער וואס ווערט אויפגעוועקט אינמיטן דער נאכט פון אויטאמאטישע טעלעפאן־רופן שרייבט א בריוו צו דעם וואס רופט אים – און פארלאנגט צוריק זיין טעלעפאן.

פון **zaltzvaser**

זאלצוואסער • זאלצוואסער • „מיין פובליק טעלעפאן" • 8טן פעברואר 2015
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/564.html

קום אריבער צו מיר אין שטוב, איך האב פאר דיר אפאר טעלעפאנען אוועק צו געבן.

וואס הייסט?

האסט נישט גוט געהערט? קום אריבער איך האב 4 קארדלעס טעלעפאנען, 2 פארהאנקערטע ווייער טעלעפאנען, און נאך אפאר וואס ארבעטן נישט, אפשר אז וועסט לייגן א בעטערי א נייע וועט עס דינען פיין.

און פארוואס ווילסטו מיר עפעס אזוי סתם אוועק געבן דיין טעלעפאן? און וואס וועט זיין מיט דיר? דיך וועט מען נאר טרעפן דורך דער פאסט?

אז דו פרעגסט וועל איך דיר מסביר זיין.

דו ביזט דאך סיי ווי בעל הבית אויפן טעלעפאן מיינעם. דו קלינגסט ווען דו ווילסט, דו שפירסט ניטאמאל פאר וויכטיג צו זיין אויפן צווייטן זייט טרייבל, דו שטעלסט אן א מאשינקעלע זאל מיט מיר שמועסן, פשוט ווייל דיין טעלעפאן ביי מיר אין שטוב זאל נישט פארזשאווערט ווערן.

## דו ביזט דאך סיי ווי בעל הבית אויפן טעלעפאן מיינעם.

דעריבער בעט איך דיר נעם דיר דיין טעלעפאן וואס הענגט ביי מיר אין שטוב און לייג עס אריין אין השבת אבידה שטיבל אין קאנארסי, און דערנאך שטעל אן דיין מאשין און מאך משוגע די פארלוירענע חפיצים וועלכע זוכן אביסל קאמפאני.

הער מיך אויך, דו פארשטייסט נאך אלס נישט? די חוצפה פון זיך איזדיקוון אויף מיין טעלעפאן בייטאג און ביינאכט גייט אריבער אלע גרעניצן. עס לאזט זיך גאר זאגן אז דיין אוממענטשליכקייט נעמט זיך פון האבן אין קאפ א כמורע אנשטאט א מוח. איך ווייס נישט פארוואס דו שפירסט אז דו מעגסט מיך רופן אינמיטן די נאכט ווייל דו מאכסט א סעיל, און ניטאמאל פרעגן קודם שטילערהייט: ששש דו שלאפסט שוין? נאר גראד אנהייבן מיט א הויכע שטימע: קומט אין מאסן!!!

עס איז א רואיגער ביינאכט, מ'האט שוין געלייגט די קינדערלעך שלאפן ב"ה, און מ'גרייט זיך אליינס צו גיין אפרוען נאך א שווערן טאג ארבייט, און דו באטריגער, נידריגער שווין, זעסט נישט קיין פראבלעם צו קלינגען 4 מאל תקיעות גדולות, און ווען איך הייב אויף לאזטו ווארטן א סעקונדע און אמאל מער, כדי צו ציען דעם נערוו צו א געוויסן הויכפונקט, און הערשט דאן הערט מען דיין אומפארשעמטן קול ענות ווי דו שרייסט פון איבער די לונגען איבער א סעיל.

שעם דיך פון דער מענטשהייט, און שעם דיך פון די בהמות צוגלייך, ווייל צו זיין אזוי נידריג דארף מען זיין א בושה אויף די קעלבער. אויב שפירסטו פאר וויכטיג מיך אויפצוועקן ווייל דו מאכסט א סעיל, טו עס אליינס, לאמיך מיט דיר שמועסן. נישט דריי דיך הינטערן דאכענע ווען דיין טעלעפאן קאלל צירקולירט ביי אנדערע.

אויב ווילסטו דוקא יא קאללן אידן אינמיטן די נאכט משוגע מאכן, מאך דיר א ליסטע פון נדבנים וואס זענען גרייט צו ספאנסערן אן אינטש פונעם מח פאר דיינע קאטאוועס, און הערשט נאכדעם מעגסטו רופן.

אויב ביזטו גרייט צו באצאלן מ'זאל דיך אויסהערן, קום מיט א פלאן, און לאמיר עס געהעריג אויסשמועסן.

ביזדערוווייל האב איך נאך נישט באקומען קיין שום אפפער צו זיין דער קרבן אויפן צווייטן זייט טעלעפאן פאר א סכום געלט, און דערפאר בין איך בשום אופן נישט מסכים זאלסט מיך קאלן אהיים נאר אויב דו אליינס ביזט אויפן טעלעפאן איך זאל דיר קענען ענטפערן ווי עס קומט דיר.

נעם אראפ מיין טעלעפאן נומער פון דער ליסטע וואס דו נוצט, אדער קום אפנעמען "דיין" טעלעפאן וואס ליגט ביי מיר אין שטוב.

דאס אינטערסאנטסטע פון אלעם געפעלט מיר נאך דיין בעה"ב וועלכער מאכט געשעפטן מיט מיין טעלעפאן נומער, און פארקויפט עס פאר אנדערע נצרכים וועלכע האבן דעם זעלבן פראבלעם ווי ער.

פארוואס צאלט מען מיר נישט פאר מיין טעלעפאן נומער? נאר פאר דיר? אלזא ס'איז דיינס? קום און נעם עס... און לאמיר איבערמישן דאס בלעטל.

**פארוואס צאלט מען מיר נישט פאר מיין טעלעפאן נומער? נאר פאר דיר?**

* * *

רבותי! איך האלט ס'איז צייט צו טון עפעס איבער דעם פראבלעם. איך פון מיין זייט האב איך שוין גערעדט צו דער פיט"א ארגעניזאציע, און זיי געווארנט אז ווען מ'גייט זיך נעמען צו די ביינער פון די פערדן זאלן זיי נישט קומען שרייען אז עס איז צער בעלי חיים, ווייל מענטשן זענען אויך אין א געוויסן זין בעלי חי...

ס'איז צייט אריינצוציען טעלעפאנען אין טיער גארטן, אז די זאלן קענען רופן זייערע אייגענע קרובים. אדער אויב קען איינער אויפקומען אויף א בעסערן פלאן, לאמיר עס מאכן פאסירן.

מיין השקפה ראשונה'דיגער פלאן איז: מאכן א פעטיציע וואו הונדערטער זאלן זיך אינטערשרייבן אז ווען מ'קריגט א טעלעפאן קאלל פון אויטאמאטישע מאשינען איבער א סעיל אדער אנדערע גוטע נייעס פון דעם סארט, וועט מען עס באיקאטירן נישט קיין חילוק ווי בילי אדער גוט דער געשעפט איז. איך מיין אז דאס וועט האבן א גאר גוטן אפקלאנג.

וואס זאגט איר? וואס קען מען טון?

---

**קולטור • רייזע**

# א רייזע ארום דער וועלט מיט גוגל

אויגוסט 2012: מיט „גוגל מעפס סטריט וויו" נעמט „יידל" די לייענער אויף א רייזע – דער קאלוסיום אין רוים, א באן דורך די שווייצער בערג, און דער אמאזאן – און זיך אויפשטעלן פונעם בענקל. (די לינקס פונעם ארגינעל זענען דא אויסגעלאזט.)

פון **יידל און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „א רייזע ארום די וועלט מיט גוגל" • 7טן–9טן אויגוסט 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1386.html

---

**יידל** • 7טן אויגוסט 2012

מיט די היינטיגע טעכנעלאגיע איז אלעס מעגליך. אקעי, נישט "אלעס", כמעט אלעס. גוגל האט גענומען אן אלטע טעכנעלאגיע (פאטאגראפיע), און מיט אביסל קונצליכע פראגראמען האבן זיי צוזאם געשטעלט א מעכטיגע פראדוקט, ויקרא שמה בישראל "גוגל מעפס סטריט וויו". איר קענט היינט באזוכן אין טויזנטע פלעצער ארום דער וועלט און זיך נישט אויפשטעלן פון אייער באקוועמען בענקל אינדערהיים. די פראבלעם איז נאר אז מיט אזויפיל טויזנטע פלעצער, ווייסט איר ניטאמאל ווי אנצוהייבן זוכן. דערפאר, לאמיך אייך נעמען אויף א רייזע ארום דער וועלט. איך וועל אי"ה ארויפשטעלן יעדע שטיק צייט נאך לאקאציעס ווי איר קענט באזוכן מיט גוגל מעפס, פארשטייט זיך אז איך וועל צולייגן נאך אסאך אינפארמאציע איבער דעם פלאץ אזוי אז איר זאלט זיך פארשפארן די צייט פון גוגלן און טרעפן די אלע אינפארמאציע.

מיר וועלן אנהייבן מיט א היסטארישן לאקאציע: דער קאלוסיום אין רוים, איטאליע.

ווען איר וועט דרוקן אויף דעם לינק, וועט איר זיך טרעפן אינעם קאלוסיום. איר קענט זיך ארום דרייען אין זען די גאנצע אינעווייניג פונעם קאלוסיום, און דערנאך זיך ווענדן צום טיר און ארום צירקלען די גאנצע קאלוסיום פון אינדרויסן. די קאליסיום איז איינע פון די מערסטע פאפולער טוריזם סייט אין איטאליע. מ'האט עס אנגעהויבן בויען אין יאר ג'תתלב, נישט מער ווי 4 יאר נאכן חורבן בית שני און א יאר בעפאר די פטירה פון רבי יוחנן בן זכאי. דער קאלוסיום

האט לויט אפשאצונגען געקענט ארייננעמען א קיימא לן פון 50,000 מענטשן. אינעם קאלוסיום איז פארגעקומען די בארימטע [...], ווי זיך שלאגן מיט בהמות און עגליכס.

[פארקירצט]

אז מיר זענען שוין אין איטאליע, וועלן מיר גיין באזוכן נאך ערגעץ: די מרחצאות אין קאראקאלאה, אין רוים, איטאליע.

**געפילטע פיש** • 7טן אויגוסט 2012

און מענטשן, די טרויעריג בארימטע גלאדיטור פארמעסטונגען, ווי ס'זענען אויך אנגעקומען אידישע שבויים נאכן חורבן, זענען אויך פארגעקומען אין דעם אמפי-טעאטור.

**ניו יארק** • 8טן אויגוסט 2012

געוואלדיג! איך האב קיינמאל נישט געהערט פון דעם סטעדיעם! אויב וואלט קאווע שטיבל געווארן אויפגעשטעלט נאר פאר דעם, דיינו!
ישר כח יידל

**יידל** • 8טן אויגוסט 2012

לאמיר פארן קיין שווייץ! שווייץ איז באקאנט פאר איר הערליכע פארשנייעטע בערג-שפיצן און פאר די שיינע פאנאראמעס וואס מ'קען זען איבערן לאנד.
גוגל האט צוגעשטעלט אפאר שיינע סטריט וויוס פון שווייץ. די "ראעשיאן רעילוועי" פארט א וועג פון 130 קילאמעטער, און ווערט פארעכנט פאר איינס פון די שענסטע, אויב נישט די שענסטע פאנאראמעס וואס מ'קען זען אויף א באן רייזע איבער דער וועלט. איר דארפט שוין נישט פארן קיין שווייץ מיט צו האלטן די באן רייזע. גוגל האט אפגעכאפט מיט זייער ספעציעלן קאמערע אפאר חלקים פון דער רייזע און איר קענט זיך אליין איבערצייגן ווי שיין די פאנאראמעס זענען.
דא קענט איר פארן אויף דעם חלק וואס פארט פארביי דעם הערליכן "לאגא ביאנקא" (דער ווייסער טייך). דא פארט מען פארביי א שטרעקע וואס לויפט לעבן א קליין טייכל מיט הערליכע בערג אינעם הונטערגרונט. דא פארט מען פארביי דעם חלק וואס הייבט זיך אן ביי דער סטאנציע "אלף ספינאס", גאר א שיינע רייזע, צווישן פארשנייעטע בערג פון ביידע זייטן. דא פארט מען פארביי דעם רונא טוננעל, אן אלטן טונעל, שיינע פאנאראמעס אויף ביידע זייטן פונעם טוננעל. דא פארט מען פונעם באן סטאנציע בערגון.

**געפילטע פיש** • 8טן אויגוסט 2012

פונקט היינט געהערט אז די ארגינעלע געביידע פון פען סטעישן איז געווען געבויעט מיט דער זעלבער ארכיטעקטשור ווי די קאראקאלא בעדער.

**יידל** • 9טן אויגוסט 2012

עמעזאן! ווער ווייסט דען נישט פון עמעזאן? איך רעד נישט פונעם סייט נאר פונעם טייך אין דעם רעגן-וואלד. דער עמעזאן רעגן-וואלד אין זיד אמעריקא איז די גרעסטע רעגן וואלד אין דער וועלט, 1.4 ביליאן עיקרס, לויט וויקיפעדיע. די עמעזאן טייך, וואס נעמט ארום דעם עמעזאן רעגנוואלד איז די צווייט לענגסטע טייך אין דער וועלט. גוגל האט גענומען די מי, און איז אראפגעפארן צו כאפן שיינע בילדער פונעם עמעזאן פאר סטריט וויו.

צום ערשט קענט איר באזוכן דעם ריא נעגרא (דער שווארצער טייך), די גרעסטע שווארצוואסער טייך אין דער וועלט. אין דעם נאסן סעזאן איז די עמעזאן אזוי פיל מיט וואסער אז דערנעבנדע וועלדער ווערן פארפלייצט. אין דעם טרוקענעם סעזאן ווערט דאס וואסער אויסגעטרוקענט און עס פארמען זיך שיינע וואסער ברעגן. דא קען מען זען אזא פארפלייצטע וואלד אין דעם נאסן סעזאן, און דא קען מען זען די זעלבע פון דערוווייטענס.
נאכן פארענדיגן די שיפל רייזע, קען מען גיין כאפן א שפאציר אינעם עמעזאן רעגן וואלד. דא איז דא א שטיקל סטריט ווי פון טיף אינעם רעגן וואלד, און דא אויך.
נאכן פארענדיגן דעם לאנגן שפאציר אין וואלד קענט איר באזוכן אינעם טומבירא שטעטל. איר קענט אויך באזוכן אין דער שטעלישער שולע, און אין דער געזונטהייט קליניק.

[פארקירצט]

א שמועס פון דער וואך

# אדיקטעד צום טעלעפאן?

מערץ 2016: איז דער סמארטפאון אן „אדיקשן“, אדער ליגט דער פראבלעם אינעם מענטש? א שמועס מיט פאקס־מאשינען, קארטאפל־קוגל, און א קלוגן איד צום סוף.

פון **אחד העם, וכדומה.., קאצקע ציקער און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „אדיקטעט צום טעלעפאן און די ברילן?“ • 17טן מערץ 2016 – 20סטן אויגוסט 2018
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10283.html

**ונבנתה העיר** • 17טן מערץ 2016

יא, דו זאגסט גוט, עס איז א ווייטאג אז מען דארף עס אפילו אויסשמועסן.

עס זענען אבער דא אידן מיט א ספעציעלע בלאקעדזש איבער דער ספעציפישער הבנה. וכך אני נוהג ווען אזא אויבערחכם טרעפט זיך אן אין מיר, כ'פרוביר זיי מסביר זיין אין יוזער פרענדלי ווערטער אז יא, ווען "כ'רוק אזוי מיין פינגער א גאנצן טאג" איז די סקרין נישט ליידיג, עס רוקן זיך דארט פאקטיש ווערטער און אינפארמאציע וכו'...

פאר א מיסטעריעזע סיבה ווערן זיי עפעס אזוי נשתתק פארשעמטערהייט כאילו כ'בין דא מגלה אמעריקא.

**וכדומה..** • 17טן מערץ 2016

אמת.

אבער סאיז זיכער דא א חלק אין וואס מקען ווערן אריינגעצויגן מער ווי מ'וויל, און פארברענען צייט וואס מהאט נישט, ווי למשל עקסעסיוו סאשעל מידיע, וואס דאס איז א זאך וואס א סמארטפאון קען אנברענגען.

נאר די קונץ איז עס צו קענען באלאנסירן ריכטיג, און נישט שפרינגען אויף יעדע לינק אדער פאוסט, וואס דאן איז אוודאי דער טעלעפאון בלויז א גרויסע תועלת וואס מאכט גרינגער דאס לעבן.

**דבילה** • 17טן מערץ 2016

אנאנים, זיכער ביסטו גערעכט אז דער סעלפאן באשטייט פון אסאך מער ווי א סעלפאן, צו סאשעל מעדיא, נייעס, ביכער, ארבעטס געשעפטן, איינקויפן, וכו' וכו'. אבער דער וועג וויאזוי א מענטש גייט צו צו די ענינים האט זיך זיכער אסאך געטוישט א דאנק דעם וואס דער מאשינדל שטייט אזוי צו דער האנט, און לכה"פ לגבי דער רואיגקייט און קאנצענטראציע איז דאס נישט קיין גוטע נייעס. 'ך באמערק דאס גאר שטארק ווען 'ך רעד צו מיינע קינדער, ווי טאמער זעען זיי אפילו א שנעלע בליק אויפן מאשינדל ווערן זיי צערודערט, טראכטענדיק אז מיין קאפ איז מער נישט מיט זיי.

[פארקירצט]

**קל וחומר** • 17טן מערץ 2016

כ'האב אמאל געהערט פון א קלוג אידל, אז א סמארטפאון שפארט טאקע אסאך צייט, אבער בו בזמן גיבט ער וואס צו טון מיט דער געשפארטער צייט. ודפח"ח.

**קאצקע ציקער** • 17טן מערץ 2016

די מציאות איז אז מענטשן זענען אדיקטעד צום טעלאפאן. און נישט צו טשעטן שיקן מאכן פיקטשערס וכו' נאר מען קען דאך נישט קלאצן דערמיט טרעפט מען שוין וואס צו טון דערמיט אבער די נקודה איז אז מען איז עדיקטעד צום פאן. פיריעד. ס'וועט דיר גארנישט העלפן קענסט אפילו ברענגען א משל פון גלעזער ס'וועט דיר אויך נישט העלפן

והא ראיה די זעלבע פאסט וועסטו טרעפן אויף א צעטל וועט קיינער נישט זיין אינטערסירט עס אנצוקיקן איינמאל ס'קימט אן אויף וואטס עפפ ווערט עס הייסע נייעס.

**אחד העם** • 17טן מערץ 2016

וואס פאלט דיר איין אז דאס איז א ראי' צו עדיקשעין?
דאס איז די איינציגע חילוק וואס דו קענסט טרעפן צווישן א צעטל און א פאוסט?
ווער זאגט אז מען וואלט עס נישט געליינט אויף א צעטל? א פאוסט האט נאך א טויזנט פאקטארן מיט זיך, פארוואס מען וועט דאס ענדערש ליינען.

**שמיטשיק** • 17טן מערץ 2016

עס איז נישט מעגליך צו מאכן א כלל "אדיקשן"

פאר פילע איז עס א קוואל פון אומאויפהערליכע נוצליכע אינפארמאציע, מינוטליכע ביזנעס אפדעיטס, בליץ שנעלע פארבינדונג צו ווי אימער מ'דארף אנקומען, און שפארט א געוואלד מיט צייט, זאכן וואס וואלטן אמאל געגומען לאנגע שעות ערלעדיגט מען אין אן אויגן בליק. ווידעראום איז דא געוויסע וואס דרייען זך ארום מיטן קאפ אין טינופות, צו אלע סאציאלע זייטלעך און שמוציגע ווידיאס וואס זייערע אור עלטערן האבן שווער געדארפט ארבעטן אנצוקומען טרעפן זיי מיט א פינגער טיפ. סוי בכלליות איז נישט דא א יא אדער א ניין ענטפער, ס'ווענדט זיך אין דעם טיפ מענטש, זיין איינהאלטס קראפט און צי מען איז א פארנומענע ביזנעסמאן אדער א ליידיגע קאפ.

**אחד העם** • 17טן מערץ 2016

די זאג, מוח שליט, אדער רוף עס זיך האבן אין די הענט, רוף עס זיך ריכטיג צו קענען, זענען אלע מושגים וואס זענען שוין אפאר טויזנט יאר אלט, זיי זענען נישט קיין מושגים וואס דער אינטערנעט/סמארפאון עפאכע האט אנגעברענגט.
דו האסט א מושג וואס איז פארגעקומען ווען ערשטע דרוק, האט צום ערשטן מאל געדרוקט א צעטל, די בעלי עדיקשעין זענען געפלויגן צו די פיסכאיאטערס, און זיך מזכיר זיין ביי די גלחים און די רבי'ס, און ווער רעדט נאך ווען די פעקס איז ארויסגעקומען, מען האט אפיציעל אנאנסירט אז די בעלי עדיקשעין זענען פארטיג. דו האסט א מושג וויפיל די בעלי עדיקשעין האבן געביפט מיטן ביפער, זיי זענען ממש אראפ פון זינען.
אין איין ווארט, מען דארף זיך האבן אין די הענט, נישט נאר מיט אינטערטעמעמינט, נאר מיט אלעס אין דער וועלט.

**קאצקע ציקער** • 17טן מערץ 2016

נישט יעדער איז אזוי אבער ס'דא מענטשן וואס די רגע ס'קימט מוצאי' וועט מען כאפן דעם פאן צו זען צו ס' דא עפעס פרישע סחורה אפילו מען האט נאך נישט געענדיגט ליינען די צייטונגען פון שבת.. וואס דארט קען אפילו זיין בעסערס אבער וואטס עפפ איז יעצט אינטערסאנטער

איך טראכט יעצט אז אויב וואלט מען געמעיגט ניצן דעם פאן שבת וואלטן זיך אלע היימישע צייטינגען געקענט פארמאכן... קיינער וואלט נישט געווען אינטערסירט דערין

**וכדומה..** • 17טן מערץ 2016

@אחד העם איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט אויב איינער האט אן עדיקשן צו א פאקס מאשין נו זאל ער עס גיין טריטן.

עס זענען דא מליאנע מענטשן וואס זענען אבסעסד מיט זייער סמארטפאונס אויף אן עקסטרעמע אופן, און ס'האט בכלל נישט קיין שייכות מיט די נוצליכע פונקציעס וואס דער פאון שטעלט זיי צו. דו נעמסט פון זיי אוועק דעם טעלעפאון פאר צוויי שעה זענען זיי אומרואיג, אויס מענטש און קענען נישט ווייטער אנגיין ווי אטעמען צום לעבן. און דאס איז א געוויסע סארט עדיקשן וואס מהאט צום טעלעפאון.

[פארקירצט]

פארשטייט זיך נישט יעדער מיט א טעלעפאון איז אין דעם גדר.

**אחד העם** • 17טן מערץ 2016

אז דו פארשטייסט נישט, וויאזוי רעאגירסטו?
איך זאג אזוי, אבסעשין, עדיקשעין, וויאזוי די גיהינום די רופסט עס נאר, איז נישט נעכטן געפאלן פון אן עפפל בוים, ס'האט גארנישט מיט אינטערנעט אדער סמארט פאון.
אז א מסקנה זאל זיין מבוסס נאר אויף וואס דאס אויג זעט יעצט, און דן זיין נאר מיט די אייגענע עקספריענס וואס דו זעסט און דו האסט יעצט, איז קינדיש און נישט אויסגעהאלטן מכח'ן אמת. וואס איך זאג איז, אז מען זעט מענטשן זיך ספראוון מיט עפעס, דארף מען נעמען דעם גאנצן מענטש אין אים דערלערנען, זיינע פסיכא'ס און רצונות און נטיות. מענטשהייט פלאגט זיך מיט אבסעשין און עדיקשן פון דער רגע וואס מענטשהייט איז מענשטהייט. און די עדיקשעין פראבלעם האט שוין אור אלטע מעטאדן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט דעם, אבער געוועגליך איז עס נישט קיין אובייעקטיוור פראבלעם, נאר סאיז דא עפעס אונטער דעם וואס שטופט אים צו טון דאס. בקיצור.

אוודאי, אין יעדע זאך וועסטו טרעפן מענטשן וואס גייען ארויס פון זייערע גבולים פאר א געוויסע זאך.
קוק, נעם אין חשבון נאך עפעס, רעדסט פון די מענטשן וואס אויב מען נעמט אוועק פון זיי דעם פאון זענען זיי נישט רואיג, דארפסט פארשטיין וואס דו האסט אים אוועק גענומען, זיין ביזנעס חשבונות, זיינע ביכער, זיין מוזיק, זיינע בילדער און זיינע הנאות, אינטערטעמעמינט, זיין מאפע, זיין וויסעכוואס, כאפסט, מען דארף עס באטראכטן מיטן גאנצן היקף.
הכלל, עדיקשעין האט נישט מיט גוגל גארנישט.

**אחד העם** • 17טן מערץ 2016

איך קען מענטשן וואס די רגע וואס זיי זען פאטעטע קוגל, לאזן זיי אלעס איבער אין טעלער, און לויפן צום פאטעטע קוגל, אפילו ווען אין טעללער איז דא בעסער'ס.
אין אייןווארט, עדיקשעין, אבסעשין, איז נישט קיין פראבלעם מיט די חפצא, ס'איז א פראבלעם מיט די גברא.

**וכדומה..** • 18טן מערץ 2016

אחד, פיין, דו רעדסט פונעם עצם יסוד פון עדיקשן וואס דאס מיינט פארן מענטש און וואס ס'ברענגט דערצו, דערנאך דארף מען וויסן די פונקטליכע חילוקים פון א bad habit און אן עדיקשן וכו' וכו'.

אבער איך זאג א צווייטע נקודה,

אויב איינער זאגט דיר אז רייכערנען איז אן עדיקשן וועסטו אויך קומען מיט משלים ווי פאטעיטא קוגל וכו'?. נישט קיין חילוק וואס עדיקשן איז און וויזוי ס'אפעקטירט דעם מענטש איז כ"ע מודי אז רייכערנען איז א שווערע עדיקשן, און די זעלבע מיט אלקעהאל, געמבלען, דראגס, וכו'. די אלע זאכן ווערן קלאסעפיצירט אין דער גרופע פון עדיקשענס וואס האבן א שלעכטע אפעקט אויפן מענטש איין וועג צו א צווייטע.

יעצט איז די שאלה אויב סמארטפאונס זענען נכלל אין דעם חדר.
פעקס מאשינס איז נישט אויף דער ליסטע. אפילו אויב סאיז דא מענטשן וואס אביוזן עס.

יעצט, זאגסטו אז א סמארטפאון אליינס איז גארנישט נאר עס באשטייט ס"ה פון צעדליגע זאכן וואס מ'נוצט עס פאר ווי ביזנעס, פינאנץ, קאלענדער וכו' דאס איז נישט נוגע כלפי די נושא פון עדיקשן. ווייל יעדע פון די זאכן פאר זיך, אינדרויסן פונעם סמארטפאון, האט מיט עדיקשן נישט קיין שייכות, די אבסעסיע איז קלאר אויפן עצם סמארטפאון און אלעס וואס דאס אנטהאלט אין זיך אלס איין גרויסע בילד.

**ירא שמים** • 18טן מערץ 2016

נאך א מעלה פון סמארטפון, אז ביי א חתונה צי שבע ברכות'ן צו אנדערע לאנגווייליגע מצבים קען מען אנשטאט קלאצן און רעדן נארישע שמועסן קען מען עפעס אויפטוען אויפן פאון!

**קאצקע ציקער** • 18טן מערץ 2016

ביסט עס יעצט מקיים?

**הקטן** • 19טן אויגוסט 2018

קלאר אזוי, אבער צי די חפצא פין וויין זענען דא גברא'ס וואס זענען עדיקטעט און צי די חפצא פין אראנש-דשאס נישט.

אויב איז גלעזער א צישטעל? ווענד זיך אויב געלזער האט ערענסטע נעגעטיווע קאנסעקווענסעס.

**נקודת-אמת** • 20סטן אויגוסט 2018

אן אנדערע נוסח א ביסל האב איך געהערט בשם אן אנדערע קלוגע יודל (אדער אפשר דער זעלבער פון וועמען דו האסט געהערט...)
ווען א צווייטער האט עם מסביר געווען וויפהל צייט ס'שפארט עם איין דאס סמארטפאון, וואס ביז ער האט דערהאלטן איינס, האט עם געדויערט שעות א יעדער עניין, צו ארלעדיגן עפעס אינעם באנק-אקאונט, צו אין עני ביזנעס זאך, גארוועמענט אפיסעס וכדו', האט ער געדארפטווארטן שעות ביז'ן קענען אריינגיין צו זיין זאך,
און ועתה, משנולד הסמארט-פאון, איינס-צוויי א קליק מיט א פעסווארד, און דו ביסט אינסייד.

האט עם דער קלוגער יוד געענטפערט:
"אין הכי נמי, אריינגיין, קענט איר טאקע אריינגיין אין א יעדע זאך היבש שנעלער ווי אמאל,
אבער ארויסקומען, ארויסקומען פון דעם דויערט געוועגליך לענגער ווי איר פלעגט ווארטן אמאל אויף די אלע עניינים הנ"ל"
ודפח"ח

**הומאר**

# טעלעפאן-עטיקעט פאר ראשי ישיבות

מאי 2013: א פראקטישער לערנבוך פאר ראשי ישיבות „למצויינים“: ווי אזוי מען לאזט א טאטע קלינגען, און ווען מען הייבט סוף כל סוף אויף.

פון **פשוט-קאמפליצירט**

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „טעלעפאן-עטיקעט אנווייזונגען פאר ראשי ישיבות למצויינים“ • 2טן מאי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3657.html

**פשוט-קאמפליצירט** • 2טן מאי 2013

דאס שליסל ווארט איז איגנארירן. ווען א טאטע קלינגט אן צו אייך אין אפיס (וואו די לעקטערס זענען בדרך כלל פארלאשן און די פענסטער פארהאנגען, אלעס צו פארזיכערן אז דער טעגליכער, כמעט טאג לאנגער שינת צהריים גייט דורך כראוי וכיאות), חלילה נישט אויפהייבן דעם טעלעפאן. לאזט קלינגען ביז יענער וועט הערן דעם פייף וואס נאכן מענה לשון, "איר האט דערגרייכט דעם אפיס פונעם ראש ישיבה. ביטע, לאזט איבער אייער נאמען און טעלעפאאן נומער, און מיר וועלן אייך, אימירצעשעם, צוריקרופן ווי אמשנעלסטנס. בבביפ!"

אבער וואס כאפ איך הייסע לאקשן? לאמיר זיך אפשטעלן אויפן עצם מעסעדוש. עס קען זיך אייך דאכטן, אז דאס איז אן אומוויכטיגער פרט אין דעם עסק. טעות גמור! דער נוסח המעסעדזש, דער ניגון מיט וועלכן ער ווערט אויסגעזינגען, דער טעמפא, די ווערטער, די הפסקות צווישן די ווערטער – דאס זענען דאך זאכן פון קריטישער וויכטיגקייט און טאר חלילה נישט גענומען ווערן לייכט. עס איז ראטזאם צו ווידמען דערפאר וויפיל צייט עס פאדערט זיך נאר, כדי צו אהערשטעלן א דבר מתוקן. ווייל וויסן דארפט איר, אז אין דער פסיכאלאגישער שפיל וואס איז דער אייגנטליכער יסוד אויף וואס "ישיבה למצויינים" איז אוועקגעשטעלט, מאכן די קליינע פרטים אויס גאר א סך.

דער נוסח פונעם מעסעדזש זאל זיין נישט צו קורץ, נישט צו לאנג. פון איין זייט, קען עס נישט אויסזען ווי דעם מעסעדזש אויפן טעלעפאן פון א פארנומענעם ביזנעסמאן, ווייל – לאמיר זיך נישט נארן – איר זענט דאך א מתון און א מיושב בדעת. (אנדערש, וואלט איר דאך אויפגענומען געווארן אין א פשוט'ער, נישט-מצויין ישיבה.) מצד השני, א צו לאנגער מעסעדזש קען געבן דעם איינדרוק ווי איר האט צייט. און האבן צייט איז איינער פון די ג' עבירות החמורות אין דער "רוף-מיך-נעקסטע-וואך-ווייל-כ'האב-זיבעצן-אפליקעישאנס-וואס-דארפן-דו שפיל, כידוע.

דער נוסח דארף געזאגט ווערן מיט א מהיכי-תיתי ניגון: נישט געכאפט, אבער אויך נישט צו פאמעליך. א מעסעדזש געזאגט אויף א שנעלן טעמפא קען אויסגעטייטשט ווערן כאילו איר האט גע'חזר'ט דעם נוסח פון פריער. און דאס טויג נישט, ווייל מענטשן וועלן דערפון דרינגען אז אייך גייט אן ווי־אזוי מענטשן קוקן אויף אייך. און, קימערט זיך דען אזא משכמו-ולמעלה'דיגער געשעפט ווי איר מיט אזעלכע נארישקייטן? איז, משום מראית עין איז כדאי זיכער צו מאכן אז קיינער מאכט נישט דעם שרעקליכן טעות. ווידעראום, אויב דער מעסעדזש ווערט געזאגט צו פאמעליך, זענען מענטשן ווייטער עלול צו מאכן דעם טעות אז איר האט צופיל צייט. דערפאר איז גוט צו נעמען דעם שביל הזהב: רעדן געלאסן, אבער נישט צו פאמעליך.

לאזט פלאץ צווישן ווארט און ווארט, אבער ווידעראמאל, מיט א מאס: נישט צופיל, נישט צו ווייניג, און אויך נישט צווישן יעדע צוויי ווערטער. דאס בעסטע וואלט געווען אריינצושטעלן דעם ריווח בין תיבה לתיבה דארט וואו איר זאגט אייער טיטל, "ראש ישיבה". דאס הייסט, צווישן די ווערטער "ראש" און "ישיבה". דאס וועט ביים רופער אוועקנעמען יעדן ספק אז דער טיטל מיינט ביי אייך עפעס בכלל.

צוריק צו אונזער רופער. לאזט יענעם אריינזאגן דעם מעסעדזש. כדבר המובן מאליו זאלט איר יענעם חלילה נישט צוריקרופן – נישט פאר יענער האט געלאזט צווישן דריי און פינף מעסעדזשעס. ווייניגער ווי דריי, איז צו ווייניג; מער ווי פינף, קען געבן דעם איינדרוק אז די סיבה פאר אייער נישט צוריקרופן איז א תוצאה פון אייער זיין א פארשלעפטע קרענק, און נישט מחמת גרויס פארנומענקייט. פיר איז געוועגליך דער געוואונטשענער ציפער. אבער צומאל איז גענוג דריי. למשל, אויב הערט איר אין דער

שטימע פונעם רופער א רואיגקייט; יענער קומט נישט פאר ווי עס גייט אים לעבן איינצושרייבן זיין זון דווקא ביי אייך אין ישיבה, דעמאלט איז ראטזאם צוריקצורופן נאכן דריטן מאל. אויב יענער זעט אויס אומזיכער מיט זיך, "דעספערט", איז פינף שטארק רעקאמענדירט.

זעלבסטפארשטענדליך, אז ווען מען רעדט פון "צוריקרופן", מיינט עס נישט פשוטו כפשוטו. מען טוט נישט אזוינס ביי אונזערע קרייזן. (און הערט אויף שפילן ווי גלייך איר האט דערפון נישט געוואוסט.) אלא וואס יא, נאך דעם וואס יענער האט שוין איבערגעלאזט דעם געפאדערטן סכום מעסעדזשעס, ווען יענער קלינגט דערנאך נאכאמאל אריין, דעמאלט זאלט איר אויפהייבן דעם טרייבל, און אריינזאגן א "האלאאאו?" מיט אזא טיפער, אבער גלייכצייטיג אויסגעצויגענער שטימע ווי א קאן-עדיסאן גרוב נעבן א ניי-געבויטן וואלקן-קראצער.

ווען יענער ענדיגט רעדן, (נישט ממש "ענדיגט", נאר ווען ער האלט אט ביים ענדיגן: דאס איז דער יוצא מן הכלל פונעם "וחילופיהן בגולם".) ציט זיך אויס אויפן בענקל, פארווארפט די הענט ביי דער צווייטער זייט האלז,ביים מקום קשר התפילין, און לאזט די פאלגנדע ווערטער זיך אראפקוילערן פון דער צונג: "גוט, גוט. רופט, זייט מוחל, צוריק די אנדערע וואך. כעת עתה בין איך טרוד מיט א וויכטיגן ענין – ממש דער קאפ איז מיר נישט על מכונו," און ענדיגט צו (אויף א נאך נידעריגערן טאן ווי פריער) "כל טוב. בשורות טובות."

**סאשי פיש** • 2טן מאי 2013

און אויב מען הייבט שוין יא אויף איז עס נאר נאכן רופן 4 / 5 מאל
און דער טאטע איז שוין גוט צעבראכן הייבט מען אויף מיט אזא רואיגהייט כאילו מען האט יעצט די ערשטע מאל גערופן!!

**שמעקעדיג** • 2טן מאי 2013

דער ארטיקל איז הערליך, זיס.
אבער וויזוי פלעגט יענער זאגן: ווען דער נאר איז נישט מיינס וואלט איך אויך געלאכט.
צחוק מכאיב.

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

וואס לערנט מען פונעם GPS, וואס האט שוין יא געראטעוועט א סמארטפאון, און א ליידיגע בראוזינג־היסטאריע: דריי קורצע שטיקלעך פון דריי אשכולות.

---

## נאך א לימוד פונעם GPS

**יעקב מענטש:**

נאך א לימוד,

אז אפי' דו פארשטייסט נישט פארוואס דער מורה דרך האט דיר אהינגעשיקט דארט, זיי נישט קיין אויבער חכם און פאללאו זיינע דירעקשאנס, איי ס'קוקט אויס ווי ער פירט דיר און אויף אן אומריכטיגע וועג, ? (דא קענט איר אריינלייגן וואס איר ווילט...) נישט געזארגט, וועסט אנקומען צו מצב אין לעבן ווי דו וועסט איינזען אז דיין מורה דרך איז געווען גערעכט.

**גר ותושב:**

נאך א לימוד

אז אפילו ביסט פאפארן איז אלס דא א וועיג צירוק אבער אסאך מאל געדארט עס לענגער אנצוקומען

**:berlbalaguleh**

גר ותושב: א יישר"כ. אן ענליכן לימוד זאגט מען נאך בשם א היינטיגן גדול. אז אפילו מ'פאלגט נישט אויס פונקטליך די אינסטראקשן'ס פונעם דזשי.פי.עס. געט ער נישט אויף. נאר ער רעכנט איבער, און אנדער'ן וועג...!

**מבקר:**

נאך א לימוד פון waze איז אז אפילו א מורה דרך איז דא פשוט מיטן ציל צו איינקעשן אפאר גרינע גרייצער

**אני מת לחיות:**

נאך א לימוד, מאך זיכער צו נעמען די בעסטע מורה דרך און נישט א סטופיד קאמפעני ווי טאמטם

**שמעקעדיג:**

הנקרא "תם-תם"

**אני מת לחיות:**

טאמטאם מלשון טומטום

קאווע שטיבל • „דער לימוד פונעם GPS“ • 18טן–20סטן סעפטעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9597.html

## דער לעפטאפ האט גערעטעוועט

**ווייל אזוי:**

א לעפטאפ האט געראטעוועט א רייזענדע ביי דער פארט לארידעיל עירפארט שיסעריי דעם פרייטאג, ווען זיין לעפטאפ וואס איז געלעגן אין זיין בעק פעק האט אפגעשטעלט די קויל.

**א איד:**

טראכט יעצט הויעך, אז פאר די הצלות, קען מען דאך האבן די שטערקסטע פילטער וואס איז שייך.
און עס וועט ווייטער ראטעוון און אפשטעלן די קוילן.

**moshav zekeinim:**

האסטו געטראכט די זעלבע ביים ליינען דעם סיפור "דער סידור האט געראטעוועט"? עס וואלט געקענט פונקט אזוי זיין דורך א ראמאן בוך אין טאש.

קאווע שטיבל • „דער סמארטפאון האט געראטעוועט“ • 7טן–9טן יאנואר 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11199.html

## די בראוזינג היסטאריע

**טאמבל סאס:**

איך סעיוו אלע פרויערישע נעמען אויף מענער. כ'האב מסביר געווען מיין ווייב וואס דאס איז כאהבת דוד ויונתן.

אז דו וועסט שרייבן די מעסידזשעס אויף אידיש וועסטו האבן האלב געלעזט דעם פראבלעם.

**דריידל:**

דאכציך אז אין מילתא דבדיחותא אשכול האט איינער אמאל געשריבן אז א פרוי האט געזאגט אז זי ווייסט אז איר מאן דרייט זיך נישט אויפן אינטערנעט ווי מ'דארף נישט ווייל ווען זי טשעקט די בראוזינג היסטאריע איז עס אייביג ליידיג....

קאווע שטיבל • „ווען די ווייב קוקט דורך מיינע טעקסט מעסעדזשעס“ • 20סטן אויגוסט 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6995.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 14טן דעצעמבער, אין פריערדיגע יארן? גוגל וויל סקענען ביכער, די געשעפטן אין בארא פארק פארמאכן זיך, און א נייער פליגער וואס זיין קאמפיוטער האט אפגעשטעלט.

22
יאר צוריק
2004

## גוגעל וועט סקענען ביכער

**משוגענער, Ziskeit** • היידפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • 14טן דעצעמבער 2004

גוגעל איז מודיע אז זיי וועלן אנפאנגען א פראיעקט ווי זיי וועלן דורך-סקענען צענדליגע ביכער און דאס מאכן עוועילעבעל אויפן אינטרנט, און מ'וועט קענען סירטשן אין די אלע ביכער.

„Ziskeit“ האט געענטפערט:

אגב משוגענער, דאס איז דאך געוואלדיגע נייעס וואס דו ברענגסט יעצט וועגן גוגל'ס פלענער.

א מעסעדזש צו מיין יצר טוב: א שאד צו פרובירן. איך וועל שוין נישט אויפגעבן דעם אינטערנעט אזוי שנעל...

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1217851.html

12
יאר צוריק
2014

## „לויפטס אנליין יעצט!“

**רויטע וואנצעס, איחוד פעלד** • קאווע שטיבל • ביזנעס וועלט • 14טן דעצעמבער 2014

אין די לעצטע פאר יאר:

[א ליסטע פון איבער צוואנציג געשעפטן אין בארא פארק וואס האבן זיך פארמאכט – פארקירצט]

און נאך זייער אסאך...
סך הכל אסאך בלוט און טרערן פון אידן. רוטעיל סאקט, ס'איז אווער. לויפטס אנליין יעצט!

איינציגסטע סארט ריטעיל וואס קען מצליח זיין אויב סערוויס קנאקט, איז עסן/רעסטעראנט, ביוטי סאלאן, בענק און אפשר שיך. ווי אויך נאך אפארזאכן וואס זענען שטארק מקושר צום גוף האדם.

„איחוד פעלד“ האט צוגעלייגט:

געשעפטן זענען אייביג געגאנגען און געקומען.

אמאזאן האט לעצטענס אנגעהויבן מיט גראסעריס.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7741.html

11
יאר צוריק
2015

## דער קאמפיוטער האט באשלאסן

**שמעקעדיג** • קאווע שטיבל • אידישע און אלגעמיינע נייעס • 14טן דעצעמבער 2015

נישט קיין קראך, אבער פארט א שרעקעדיגע געשיכטע, וואס האט זיך נעכטן אפגעשפילט אויף א פליגער פון "קאטאר".

ווי שוין באשריבן דא, האט קאטאר זוכה געווען זיך איינצוהאנדלען די ערשטע נייע עירבאס A350 פליגער. דאס איז די נייעסטע פליגער דערוויל אויפן מארקעט, וואס איז כמובן גאר סאפיסטיקירט און פארגעשריטן. היינט-צו-טאגס פארמאגן זיי שוין 7 פון די נייע פליגערס, מיט נאך 70 (!) אויף ארדער.

דער פליגער איז נאך קיינמאל נישט געפלויגן פון אמעריקע, און נעכטן איז געווען דאס ערשטע מאל וואס קאטאר האט מיט שטאלץ אראנזשירט א 10 שעה'יגע רייזע פון ניו יארק, קענעדי עירפארט צו "דאהע", קאטאר. לכבוד דעם ערשטן פלייט, האבן זיך מיטגעכאפט דזשורנאליסטן מיטצוהאלטן דעם גרויסן מאמענט. אבער צו זייער מזל האט זיך ארויסגעשטעלט א געזונטן פלאפ. ממש פארן זיך אויפהייבן, נאך ארום 18 סעקונדעס פון פליען אויפן ראנוועי אויפן העכסטן ספיד, איז דער עראפלאן פלוצלינג געקומען צו א האסטיגן אפשטעל, און געמאכט א מעכטיגן שארט-סטאפ און געקריצט מיט הילכיגע קולות אויפן אספאלט, אזש די קישעלעך און בלענקעטס וועלכע זענען געווען שיין מסודר אויף די זיצן זענען אראפגעפלויגן אויף דער ערד פון דעם מאכטפולן פרעשור פונעם סטאפ. נאר צו טראכטן וויאזוי אזא מאסיווער ריזיגער פליגער איז געקומען צו אן אפשטעל פון איבער 100 מפ"ש אין בלויז 15 סעקונדעס, איז גענוג צו געבן א השגה ווי האסטיג און פאווערפול דער אפשטעל איז געווען. נאך א מזל אז די פאסאזשירן זענען געווען איינגעבינדן אין די זיץ-פאסיקעס, אך און וויי חלילה אויב זיי וואלטן געווען אויפגעבונדן... (גראדע איז דער פליגער געווען כמעט ליידיג, מיט קוים 40 פאסאזשירן).

ווי דער סדר פון רוב נייע עראפלאנען, קען מען מיטהאלטן דעם ארויפפליען (און לאנדונג) פראצעדור פון די סקרינען אין פארנט פון יעדן פאסאזשיר. אזוי איז ארויסגעקומען אז די צום-טויט דערשראקענע פאסאזשירן האבן אלעס געקענט מיטהאלטן "לייוו" פון זייערע סקרינ'ס, וואס דאס האט נאר מוסיף געווען צו זייער פחד. עטליכע פאסאזשירן זענען געווארן אזוי טראומאטיזירט אז זיי האבן נאר געוואלט אראפגיין פון פליגער און נישט פארזעצן מיטן פליען, ציטערנדיג פאר זייער לעבן אז עפעס איז נישט בסדר מיטן פליגער, אבער מען האט קיינעם נישט אראפגעלאזט, נאר באפוילן יעדן צו בלייבן זיצן, און פארלעשן די קעמערעס.... די פלייט אטענדענטס זענען ארומגעגאנגען יעדן בארואיגן אז אלעס איז אקעי, נישטא וואס צו זיין באזארגט.

עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט וואס עס האט פאסירט. דער קאמפיוטער פונעם עראפלאן האט באשלאסן אינמיטן זיך יאגן אז דער 11,000 פוסיגער ראנוועי איז נישט גענוג לאנג צו מאכן א זיכערע טעיק-אף, און האט באשלאסן על דעת עצמו זאפארט אפצושטעלן דעם פליגער, און אומר ועושה...

קאטאר האט נישט געוואלט קאמענטירן, אבער האבן באשולדיגט די קאנטראלער'ס פון JFK וועלכע טוען דירעקטירן די פליגער צו די ראנוועיס, אז זיי האבן זיך פארערעכנט מיט זייערע חשבונות.

נאך א צוויי שעה האט זיך דער פליגער ווידער סוקסעספול געהויבן – דאס מאל פון א צווייטע, לענגערע ראנוועי – אויף איר רייזע קיין קאטאר.

.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3627-2.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין א שמועס וועגן א ווייב וואס קוקט דורך די טעקסט־מעסעדזשעס פון איר מאן, האט „קפנדריא“ דערציילט ווי ער האט דאס אליין גערייזט:

”

ווען איך האב געפאקט מיין חשוב'ע פרוי איבערקוקן מיינע טעקסט איין נאכט נאכן צווייטן, האב איך איר געזאגט, הער מיך אויס צדיקת, מיך שטערט נישט אז דו קוקסט מיינע טעקסט, איך האב נישט וואס צו באהאלטן, אבער דו ווייסט דאך אז ס'איז דא א חרם דרבינו גרשום צו ליינען יענעמס פריוואטע זאכן, אויב דו האלטסט נישט פון חרם דרבינו גרשום, וויל איך דיר מודיע זיין אז ס'איז דא נאך א חרם דרבינו גרשום, צו נעמען צוויי ווייבער..

זי האט שוין מיין סעלפאון מער נישט אנגערירט..

**קפנדריא** • קאווע שטיבל • 20סטן אויגוסט 2014

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6995.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **אנאליז** | „אינטערנעט: האט עס א מוסטער אין דער היסטאריע?“ · **גענוואלדיג**<br>קאווע שטיבל · אינטערנעט און אידישקייט · אשכול „אינטערנעט, האט דאס א מוסטער אין היסטאריע?“ · 26סטן מאי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10541.html |
| **וויסנשאפט** | „ווען קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט?“ · **צ.שרייבער און אנדערע**<br>פאליש · מחשבה · אשכול „ווען קאמפיוטערס אמאל פירן די וועלט (singularity)“ · 19טן יוני 2015 – 10טן יולי 2017<br>https://palish.sites.tab.bot/t/967.html |
| **היסטאריע** | „פון טעלעגראף ביז טעלעגראם“ · **וואידך און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „פון טעלעגראפיע ביז טעלעגראם - די עוואליושען פון אינפארמאציע“ · 25סטן–26סטן מאי 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14651.html |
| **איבערלעבונגען** | „מיין פובליק טעלעפאן“ · **zaltzvaser**<br>זאלצוואסער · זאלצוואסער · אשכול „מיין פובליק טעלעפאן“ · 8טן פעברואר 2015<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/564.html |
| **קולטור • רייזע** | „א רייזע ארום דער וועלט מיט גוגל“ · **יידל און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „א רייזע ארום די וועלט מיט גוגל“ · 7טן–9טן אויגוסט 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1386.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „אדיקטעד צום טעלעפאן?“ · **אחד העם, וכדומה.., קאצקע ציקער און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „אדיקטעט צום טעלעפאן און די ברילן?“ · 17טן מערץ 2016 – 20סטן אויגוסט 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10283.html |
| **הומאר** | „טעלעפאן־עטיקעט פאר ראשי ישיבות“ · **פשוט-קאמפליצירט**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „טעלעפאן-עטיקעט אנווייזונגען פאר ראשי ישיבות למצויינים“ · 2טן מאי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3657.html |
| **היינט מיט 22 יאר צוריק** | „גוגעל וועט סקענען ביכער“ · **משוגענער, Ziskeit** · היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · 14טן דעצעמבער 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1217851.html |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „„לויפטס אנליין יעצט!““ · **רויטע וואנצעס, איחוד פעלד** · קאווע שטיבל · ביזנעס וועלט · 14טן דעצעמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7741.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „דער קאמפיוטער האט באשלאסן“ · **שמעקעדיג** · קאווע שטיבל · אידישע און אלגעמיינע נייעס · 14טן דעצעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3627-2.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „נאך א לימוד פונעם GPS“ · **יעקב מענטש / גר ותושב / berlbalaguleh / מבקר / אני מת לחיות / שמעקעדיג** · קאווע שטיבל · „דער לימוד פונעם GPS“ · 18טן–20סטן סעפטעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9597.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דער לעפטאפ האט געראטעוועט“ · **ווייל אזוי / א איד / moshav zekeinim** · קאווע שטיבל · „דער סמארטפאון האט געראטעוועט“ · 7טן–9טן יאנואר 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11199.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „די בראוזינג היסטאריע“ · **טאמבל סאס / דריידל** · קאווע שטיבל · „ווען די ווייב קוקט דורך מיינע טעקסט מעסעדזשעס“ · 20סטן אויגוסט 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6995.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **קפנדריא** · קאווע שטיבל · 20סטן אויגוסט 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6995.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 17טן דעצעמבער – נומער 17, אויף פרשת ויגש; מאנטאג, דעם 21סטן דעצעמבער – נומער 18.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.